# הרב סאלאווייטשיק'ס פסק־דין וועגן קאנסערוואטיווע שוהלען

פון
הרב אהרן בן ציון שורין

**די קאנסערוואטיווע ראבאים האבען איצט באשלאסען, אז מ'מעג שוין רעכענען פרויען צום מנין. — די פראטעסטען פון דעם ארטאדאקסישען ראבינאט. — די גלייכע רעכט פאר פרויען אין קאנסערוואטיווע צענטערס. — אינטערעסאנטע פאקטען.**

די פארגאנגענע וואך איז די אידישע אמעריקע אויפגעשטורעמט געווארען מיט דער גרויסער סענסאציאנעלער נייעס, אז די קאנסערוואטיווע ראבאים האבען שוין ווידער געבראכען אידישע טראדיציע און האבען, מיט מזל, באשלאסען, אז מען מעג שוין, פון היינט אן און ווייטער, צורעכענען פרויען צום מנין אין שוהל ביים דאווענען.

די אידישע פרוי האט שוין פון לאנג „גלייכע רעכט" אין דעם „קאנסערוואטיווען סענטער".

די פרוי אין דעם קאנסערוואטיווען סענטער זיצט שוין פון לאנג ניט, רחמנא ליצלן, אין דער ווייבערשער שוהל, אדער ווי מען רופט עס אין לשון קודש — „עזרת נשים", נאר זי זיצט שוין זעהר בכבוד'יג אין צענטער פון שוהל מיט די מענער צוגלייך, זייט ביי זייט מיט דעם אייגענעם מאן, און אויך מיט אנדערע מענער.

דער קאנסערוואטיווער סענטער האט שוין פון לאנג אויך איינגעפירט „בת־מצוה" פייערונגען פונקט ווי מען פראוועט בר־מצוה'ס פאר אינגלעך.

און אין מאנכע קאנסערוואטיווע סענטערס, דערווייסט מען זיך איצט, האט מען שוין אויך פריער אויפגערופען פרויען צו דער תורה, און מען האט זיי שוין אויך גערעכענט צום מנין.

טא וואס איז דא די גרויסע נייעס מיט דעם וואס די קאנסערוואטיווע ראבאיס האבען איצט געמאלדן, אז מען מעג שוין רעכענען פרויען צום מנין?

איז דער ענטפער, און הערט מיט קאפ! — ביז אהער האבען עס געטאן איינצעלנע ראבאיס אויף זייער אייגענער אחריות, און ס'איז ביז אהער געווען אויך געגען דעם אידישען דין... און געגען דער קאנסערוואטיווער הלכה...

אבער, פון היינט אן און ווייטער, זענען שוין די „זינדיגע" קאנסערוואטיווע ראבאיס „א. קעי." איצט מעגען זיי שוין רעכענען די ווייבער צום מנין און אויך אויפרופען צו דער תורה... און — דאס איז שוין איצט על פי „קאנסערוואטיווע הלכה"!...

— על פי הלכה פון דער „הלכה קאמיטע" פון דעם קאנסערוואטיוון ראבינאט פון אמעריקע!

און טאמער קאן מען נאך מיינען, אז די „הלכה קאמיטע" פון די קאנסערוואטיווע האבען עס אפגעפסק'ענט „כאפ לאפ", חלילה, ניט דורכגעטראכטערהייד, איז דערצעהלט געווארען אין די נייעס באריכטען, אז דער „היכער רעליגיעזער אינסטאנץ פון דער קאנסערוואטיווער ראבינישקעל אסעמבלי" איז געזעסן אויף דער פראגע גאנצע דריי יאר. און דער סוף איז געווען די „העפי ענדינג" — אז יא, אז מען מעג שוין ציילען פרויען צום מנין אין שוהל ביים דאווענען.

אי, דער שולחן ערוך פסק'נט אז ניט?

— נו, מעגען דאך די קאנסערוואטיווע איצט שאפען א נייעם שולחן ערוך...

— וואס איז?

דר. מרדכי קאפלאן, דער רבי, לערער און וועג־ווייזער פון הונדערטער קאנסערוואטיווע ראבאיס, מעג יא אינספירירען צו שאפען א נייעם „שולחן ערוך" („עי גאיד טו דזשואיש ריטואל"), וואו עס ווערען פארלייקענט אלע יסודות פון אידישער הייליגקייט. און זיינע תלמידים אליין טארען ניט?

דער דאזיגער קאנסערוואטיווער באשלוס האט באלד ארויסגערופען א שטורם פון פראטעסטען פון אלע ארטאדאקסישע רבנ'ישע קרייזען.

די אגודת הרבנים האט דערקלערט, אז „דער דאזיגער קאנסערוואטיווער באשלוס איז אין געגענזאץ פון דער אידישער הלכה. און דער ברייטער אידישער הלכה". און דער ברייטער אידישער עולם ווערט געווארענט „ניט פארפירט צו ווערען פון די קאנסערוואטיווע ראבאיס".

הרב אליעזר בערנשטיין, פרעזידענט פון דער הסתדרות הרבנים, האט געזאגט, אז „דער דאזיגער באשלוס שטעלט אוועק די קאנסערוואטיווע ראבאיס אין איין ריי מיט די רעפארמער, אזוי אז ס'האט איצט ניט מער קיין זין פאר די קאנסערוואטיוון צו פונקציאנירען באזונדער".

און הרב דוד האלאנדער, פרעזידענט פון איגוד הרבנים, האט אנגעוויזען, אז „די קאנסערוואטיווע ראבאיס האבן שוין פון לאנג צוריק פארלעצט די דינים פון דער תורה".

עס פארשטעהט זיך, אז די קאנסערוואטיווע ראבאיס האבען פארשטאנען אין פאראויס, אז דער ארטאדאקסישער ראבינאט וועט ניט מסכים זיין מיט זייער „פסק הלכה". און פונדעסטוועגן האבען זיי גע'פסק'ענט ווי זיי האבען גע'פסק'ענט, גלויבענדיג, אז די ברייטע קאנסערוואטיווע מאסען וועלען האלטען מיט זיי. ווייל די גאנצע קאנסערוואטיווע פילאזאפיע איז דאך געבויט אויף צוצופאסען, און צוצושניידען „זייער רעפארם אידישקייט" לויט דער באקוועמליכקייט פון זייערע מעמבערס. און פאראן גענוג ביישפילען פאר דעם, ווי למשל:

די קאנסערוואטיווע ראבאיס מען וועט צורעכענען די פרויען צום מנין. אבער, האט דער דאקטאר צוגעגעבען, אז אזא ,פסק דין' קאן ניט קומען דורך אן אפשטימונג פון קאנסערוואטיווע ראבאיס. אזא ,רעוואלוציע' קאן מען ניט מאכען ,מיט הויבען די הענט'. ס'איז פונקט די זעלבע זאך ווי מען קאן ניט מיט ,הויבען די הענט' צושטימען וועגען אנדערע אידישע פארהייליגטע טראדיציעס. דאס איז גיכער די אויפגאבע פאר די גרויסע לומדים פון אידישען פאלק, און ניט פאר'ן דורכשניטליכען קאנסערוואטיווען ראבאי, וואס איז, מילד גערעדט, גאנץ ווייטלעך פון די גרויסע רבנים און גאונים". און דערביי האט דר. שולמאן אנגערופן א צאל נעמען פון בארימטע רבנים גאונים, וואס זיי וואלטען, לויט אים, געווען בארעכטיגט צו פסק'ענען אין אזעלכע ענינים און ניט קיין קאנסערוואטיווע ראבאיס. און צווישן די בארימטע רבנים האט ער דערמאנט דעם נאמען פון דעם וועלט־בארימטען גאון רבי יוסף בער סאלאווייטשיק.

אט דא האבען מיר א ביישפיל פון דער רעאקציע פון אן אינטעליגענטען מתפלל פון א קאנסערוואטיווען סענטער אין באצוג צו דעם „פסק" פון דער קאנסערוואטיווער הלכה קאמיטע.

פון דעם שמועס מיינעם מיט דר. שולמאן לערען איך אט וואס: דער דאקטאר דאווענט אין דעם קאנסערוואטיווען סענטער, ווייל ס'איז אים באקוועם דארט צו דאווענען. דער דאקטאר, וועלכער האט געהאט א פאטער א גרויסען למדן, א בקי בש"ס, ווייס גאנץ גוט, אז די קאנסערוואטיווע ראבאיס ברעכען כסדר אלטע פארהייליגטע אידישע טראדיציעס. און וואס דארף מען א מער הייליגע טראדיציע ווי „שמירת שבת" — וואס די קאנסערוואטיווען האבען עס צעבראכען? נאר כל זמן די קאנסערוואטיווע ראבאים טוען עס, ווי אן עבירה, פאר זייער באוועמליכקייט, ארט אים ניט. נאר ווען די קאנסער־

ביישפילן פאר דעם, ווי למשל:

די קאנסערוואטיווע ראבאים פסק'ענען עפענטליך פון דער בימה, אז זייערע מעמבערס מעגען פארען שבת אין שוהל אריין, אויב זיי וואוינען ווייטלעך פון „סענטער".

די קאנסערוואטיווע ראבאים האבען אויך איינגעפירט „לעיט פראידעי נאיט סערוויסעס" באגלייט מיט חילול שבת. און אלץ פאר דער באקוועמליכקייט פון זייערע מעמבערס.

און דערפאר האבען זיי, מסתמא, איצט אויך געגלויבט, אז זייערע סענטער מעמבערס וועלען זיין זעהר צופרידען פון דעם געניאלען באשלוס.

וואס אן אמת איז, אז מען קאן אזוי לייכט ניט אויסגעפינען וואס די קאנסערוואטיווע מעמבערס טראכטען וועגען דעם. נאר איין ביישפיל קאן איך יא ברענגען, וואס איך האב געהערט פון א בכבוד'יגען מתפלל אין א קאנסערוואטיוון סענטער, באלד ווי די סענסאציאנעלע נייעס איז ארויסגעקומען. נאר קודם א שטיקעלע ארייבפיר:

א באקאנטער ברוקלינער מעדיציך־דאקטאר, וואס וואוינט איצט אין מיאמי, איז דארט א מתפלל אין א קאנסערוואטיווען סענטער. און לאמיר דא צוגעבען, אז ער איז זעהר באגייסטערט פון דעם מיאמיער „סענטער", וואו ער דאווענט און איז אויך צופרידען מיט דעם ראבאי. דער דאקטאר און זיין פרוי, מארסעלא, זינגען אפילו אין דעם שוהל־כאר. און דער דאקטאר, וועלכער איז א היימישער אידישער איד, און פארשטעהט זיך גוט אין די אידישע „קליינע אותיות", וועט אפילו לייענען אין דער תורה היינטיגען ראש השנה אין זיין „סענטער" ביי דעם 2טען מנין.

דער נאמען פון אט דעם חשוב'ען מתפלל אין דעם מיאמיער קאנסערוואטיווען סענטער איז דר. יעקב שולמאן.

און איצט לאמיר אייך איבערגעבן אין קורצען וואס דאקטאר שולמאן האט מיר געזאגט וועגען דעם „פסק דין" פון דער „הלכה קאמיטעט פון די קאנסערוואטיווען":

„גלויבט מיר", האט דאקטאר שולמאן צו מיר געזאגט, „איך בין זעהר צופרידען וואס איך קאן זיצען מיט מיין פרוי צוזאמען ביים דאווענען. און מיר אליין וואלט אפילו ניט ארען וואס

ווי אן עבירה, פאר זייער באוועמליכקייט, ארט אים ניט. נאר ווען די קאנסערוואטיווען ווילען נאך פסק'ענען, אז דאס וואס זיי ברעכען טראדיציעס און דינים איז נאך „על פי הלכה" — דאס האלט שוין אפילו דער מאדערנער דאקטאר, אז „צו פסק'ענען שאלות" אין אזעלכע גרויסע ענינים — איז דאס זייער געביט.

איז מעגליך, אז נאך קאנסערוואטיווע מתפללים טראכטען אזוי? — אפשר!...

און איצט לאמיר דערצעהלען מיין פריינט דאקטאר שולמאן, וואס דער דערמאנטער בארימטער גאון רבי יוסף בער סאלאווייטשיק האט גע'פסק'ענט מיט עטליכע יאר צוריק, וועגען דאווענען אין געמישטע שוהלען, וואו מענער און פרויען זיצען צוזאמען.

א יונגערמאן, וואס האט געוואוינט אין א פארשטעטל פון באסטאן, האט געפרעגט רבי יוסף בער סאלאווייטשיק'ן, צי ער מעג דאווענען אין דער דארטיגער איינציגער שוהל, וואו עס זיצען מענער און פרויען צוזאמען? הרב סאלאווייטשיק האט אים געענטפערט, אז ניט.

און דער יונגערמאן האט שטענדיג געדאווענט ביחידות. אבער ווען ס'האט זיך דערנענטערט ראש השנה און יום כפור, האט דער יונגערמאן ווייטער געפרעגט דעם באסטאנער רב: „וואס זאל ער איצט טאן?" — אויב ער וועט ניט געהן ראש השנה אין דער געמישטער שוהל וועט ער אפילו נישט האבען וואו צו הערען שופר בלאזען".

דער יונגערמאן האט זיך געבעטען מיט תחנונים ביי הרב סאלאווייטשיק, ער זאל אים דערלויבען כאטש פאר א האלבע שעה ארייןצוגעהן אין דער געמישטער שוהל נאר צו הערען שופר בלאזען, און באלד נאכדעם וועט ער פארלאזען דעם „סענטער".

הרב סאלאווייטשיק האט אים ווידער אפגעענטפערט זעהר קורץ און שארף: „ער זאל בעסער בלייבען זיצען אין דער היים. בעסער ניט געהן הערען קיין שופר, איידער ארייןגעהן אין א שוהל, וועמעס קדושה ס'איז פארשוועכט געווארען".

מיר וועלען זיך נאך אומקערן צו דעם ענין, אי"ה, ביי א צווייטער געלעגנהייט.